ער (אַלץ) געטריי; וואָרום ער קען זיך נישט
פֿאַרלייקענען.
14 דאָס ברענג אַלע צום זכּרון, באַשווערנדיק זיי פֿאַר
ג־ט, זיך נישט צו צאַנקען איבער ווערטער, וואָס
נוצט צו גאָרנישט, (בלויז) צום פֿאַרדאַרבן די
15 צוהערער. גיב דיר די מי, זיך פֿאָרצושטעלן פֿאַר
ג־ט ווי אַן אויסגעפּרוּווטער אַרבעטער, וועלכער
דאַרף זיך נישט שעמען, וואָס טיילט אויס ריכטיק
16 דאָס וואָרט פֿון אמת. מײַד אָבער אויס די אומוויר־
דיקע און פּוסטע רייד; וואָרום זיי דערפֿירן נאָך
17 צו אַ סך מער רשעות, און זייער וואָרט צעפֿרעסט
ווי אַ קרעבס־געשוויר; פֿון זיי זענען הימענעאוס
18 און פֿילעטוס, וועלכע האָבן אָפּגעבייגט פֿון דעם
אמת, זאָגנדיק, אַז עס איז שוין געווען תּחית המתים;
19 און קערן איבער די אמונה פֿון אייניקע. דאָך
ג־טס שטאַרקער יסוד שטייט פֿעסט, האָבנדיק
דעם דאָזיקן חותם: דער האַר קען די, וועלכע זענען
זײַנע; און: זאָל זיך אָפּקערן פֿון אומגערעכטיקייט
יעדער איינער, וואָס רופֿט אָן דעם האַרס נאָמען.
20 אין אַ גרויס הויז געפֿינען זיך נישט בלויז גאָלדענע
און זילבערנע כּלים, נאָר אויך הילצערנע און ליי־
מענע; און די ערשטע צו כּבֿוד און די לעצטע
21 צו אומכּבֿוד. ווען דעריבער עמיצער וועט זיך
לייטערן פֿון די דאָזיקע, וועט ער זײַן אַ כּלי צו
כּבֿוד, געהייליקט, נוצלעך פֿאַר דעם האַר, גרייט
22 צו כּלערליי מעשׂים־טובֿים. אַנטלויף אָבער פֿון
די יוגנטלעכע תּאוות, און יאָג נאָך צדקות, אמונה,
ליבע, שלום מיט די, וועלכע רופֿן אָן דעם האַר
23 אויס אַ לויטער האַרץ. אָבער נאַרישע און קינד־
ישע מחלוקות זאָלסטו אויסמײַדן, ווייסנדיק, אַז זיי
24 ברענגען אַרויס קריגערייען. דעם האַרס אַ קנעכט